**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/25/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט נאענט צו 220 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע פינאנצירונג פאר עמערדזשענסי גרייטקייט און קאנטער-טעראריזם באמיאונגען**

***פינאנצירונג וועט העלפן קאמיוניטיס איבערן סטעיט פארמיידן, זיך אפרופן צו- און זיך ערהוילן פון מענטשליך-פאראורזאכטע און נאטורליכע קאטאסטראפעס און עמערדזשענסיס***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט אנאנסירט נאענט צו 220 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע פינאנצירונג צו שטיצן קאנטער-טעראריזם און עמערדזשענסי גרייטקייט באמיאונגען אריבער ניו יארק סטעיט. די פינאנצירונג – צוגעשטעלט דורך די פעדעראלע עמערדזשענסי מענעדזשמענט אגענטור (Federal Emergency Management Agency, FEMA) דורך איר היימלאנד זיכערהייט גרענט פראגראם (Homeland Security Grant Program) פאר פיסקאלע יאר 2024 – שטיצט ראיאנישע היימלאנד זיכערהייט גרייטקייט באמיאונגען, אריינרעכענענדיג פלאנירונג, ארגאניזאציע, עקוויפמענט, טרענירונג און איבונגען אקטיוויטעטן וועלכע זענען קריטיש צו קענען אנהאלטן און פארבעסערן פארמיידונג, באשיצונג, אפרופונג און ערהוילונג מעגליכקייטן אין די קאמיוניטי. דער ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי (New York State Division of Homeland Security and Emergency Services) סערוויסעס פארוואלטן די פראגראמען אין נאענט מיטארבעט מיט ארטיגע סטעיקהאלטער.

"ניו יארק סטעיט שטאלצירט מיטן האבן די שטערקסטע און מערסט פעהיגע עמערדזשענסי גרייטקייט קרעפטן אין דאס לאנד, און א דאנק די פעדעראלע פינאנצירונג, מאכן מיר זיכער אז מיר האבן די בעסטע מיטלען גרייט צו באשיצן אונזערע קאמיוניטיס", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "דורך די שותפות צווישן פעדעראלע, סטעיט און לאקאלע רעגירונג, שטעלן מיר די זיכערהייט פון ניו יארקער אין צענטער פון אונזערע באמיאונגען — זיכער מאכנדיג אז סיי וועלכע דראאונג עס קומט נאר ארויף, וועלן מיר זיין גרייט זיך צו באנעמען דערמיט."

FEMA'ס היימלאנד זיכערהייט גרענט פראגראם באשטייט פון דריי באזונדערע גרענטס, מיט סומעס באזירט אויף די שטאפל פון סכנה, געציהלט צו ארויסהעלפן סטעיט, לאקאלע און שבטים באמיאונגען צו פארמיידן, זיך גרייטן פאר-, באשיצן פון- און זיך אפרופן צו טעראריסטישע אקטן. די פראגראמען זענען די סטעיט'ס היימלאנד זיכערהייט פראגראם (State Homeland Security Program), די שטאטישע געגנטער זיכערהייט איניציאטיוו (Urban Area Security Initiative) און Operation Stonegarden.

**דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס קאמישאנער, Jackie Bray (דזשעקי ברעי), האט געזאגט,** "פינאנצירונג פון אונזערע פעדעראלע שותפים שפילט א קריטישע ראלע אין די סטעיט'ס גרייטקייט מעגליכקייטן. די גרענטס וועלן גיין א לאנגע וועג ביים זיכער מאכן אז ניו יארקע קאמיוניטיס האבן הילפס-מיטלען וואס העלפן זיי מיט זיכערהייט גרייטקייט, אריינרעכענענדיג

טרענירונג און עקוויפמענט וואס קענען פארבעסערן גרייטקייט און באשיצונג ווי אויך אפרופונג און ערהוילונג מעגליכקייטן."

**סענאט מאיאריטעט פירער Charles Schumer (טשארלס שומער) האט געזאגט,** "פון באפעלאו ביז לאנג איילענד, ווערט נאענט צו 220 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע פינאנצירונג אינוועסטירט צו זיכער מאכן אז קאמיוניטיס אין יעדע ווינקל פון ניו יארק זענען גרייט צו פארמיידן און זיך אפרופן צו נאטורליכע עמערדזשענסיס און זיכערהייט דראאונגען – פון פארשטערקערטע סייבער-סעקיוריטי ביז פארמערטע מיטטיילונג פון אינפארמאציע צווישן לאקאלע און פעדעראלע געזעץ אינפארסירונג און ביז פארשטערקערטע שטאנדהאפטיגקייט צו קענען אויסשטיין נאטורליכע קאטאסטראפעס. איך האב געקעמפט צו פארזיכערן פינאנצירונג פאר FEMA'ס היימלאנד זיכערהייט גרענט פראגראם אין לעצטע יאר'ס בודזשעט ביל כדי קאמיוניטיס זאלן קענען פארשטערקערן סיי די פארמיידונג פון דראאונגען און סיי די גרייטקייט פאר סיי וועלכע עמערדזשענסיס און דראאונגען – אריינרעכענענדיג האסע-געטריבענע געוואלדטאטן – וועלכע קומען נאר ארויף, און איך בין באגייסטערט ביז גאר אז זיי ברענגען אהער רעזולטאטן פאר ניו יארק הײנט. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער Hochul (האקול)'ס ארבעט ביים שטעלן די פעדעראלע דאלארן צום גוטן באנוץ."

**סטעיט היימלאנד זיכערהייט פראגראם - 61.2 מיליאן דאלאר**
דער סטעיט היימלאנד זיכערהייט פראגראם שטעלט צו פינאנצירונג צו פארמיידן, באשיצן פון-, זיך אפרופן צו- און זיך ערהוילן פון טעראריסטישע אקטן און אנדערע קאטאסטראפעס. לויט פעדעראלע אנווייזונגען, טיילט אויס די דיוויזיע פון היימלאנד סעקיוריטי און עמערדזשענסי סערוויסעס 80 פראצענט פון די געלטער פאר ארטיגע יוריסדיקציעס. דאס רעכנט אריין די ליסטע פון אויסטיילונגען פון אונטן, ווי אויך אלס א צוגעגעבענע ריי געצילטע גרענטס וועלכע וועלן זיין צו באקומען אין די קומענדע חדשים. די איבעריגע 20 פראצענט פון פינאנצירונג ווערט גענוצט דורך די סטעיט צו ווייטער באפעסטיגן ניו יארק'ס קאנטער-טעראריזם און עמערדזשענסי גרייטקייט שטאנד אריבער די סטעיט.

אינוועסטירונגען זענען געפאדערט צו שטיצן די פאלגנדע געביטן וועלכע באקומען פריאריטעט, אין א באמיאונג צו אויפבויען סטעיט-ברייטע מעגליכקייטן:

- פארבעסערן דאס מיטטיילן אינפארמאציע און שפיאנאזש אינפארמאציע און אנאליזירונג מעגליכקייטן
- פארשטערקערן די באשיצונג פון "ווייכע" ציהלן/פארנומענע פלעצער
- באקעמפן אינלענדישע עקסטרעמיסטישע געוואלדטאטן
- פארמערן קאמיוניטי גרייטקייט און שטאנדהאפטיגקייט
- פארבעסערן סייבער-סעקיוריטי מעגליכקייטן
- פארשטערקערן סעקיוריטי ביי וואלן

די גרענט סומעס זענען אויסגערעכנט אונטן:

| קערפערשאפט צו באקומען פינאנצירונג | סך הכל גרענט |
|---|---|
| Albany County | $644,040 |
| Albany, City of | $301,833 |
| Allegany County | $59,750 |
| Broome County | $311,551 |
| Cattaraugus County | $136,570 |

| | |
|---|---|
| $132,303 | Cayuga County |
| $170,713 | Chautauqua County |
| $145,106 | Chemung County |
| $93,892 | Chenango County |
| $128,035 | Clinton County |
| $76,821 | Columbia County |
| $51,215 | Cortland County |
| $85,356 | Delaware County |
| $574,070 | Dutchess County |
| $1,879,306 | Erie County (City of Buffalo) |
| $102,428 | Essex County |
| $59,750 | Franklin County |
| $72,553 | Fulton County |
| $98,160 | Genesee County |
| $98,160 | Greene County |
| $42,678 | Hamilton County |
| $76,821 | Herkimer County |
| $110,964 | Jefferson County |
| $46,946 | Lewis County |
| $128,035 | Livingston County |
| $106,696 | Madison County |
| $643,547 | Monroe County |
| $320,164 | Rochester, City of |
| $102,428 | Montgomery County |
| $1,820,278 | Nassau County |
| $30,135,400 | City of New York |
| $418,135 | Niagara County |
| $226,103 | Oneida County |
| $391,254 | Onondaga County |
| $259,638 | Syracuse, City of |
| $170,714 | Ontario County |
| $924,546 | Orange County |
| $89,625 | Orleans County |
| $166,445 | Oswego County |
| $93,892 | Otsego County |
| $234,731 | Putnam County |
| $326,399 | Rensselaer County |
| $152,535 | Troy, City of |
| $635,907 | Rockland County |
| $247,535 | Saratoga County |
| $273,459 | Schenectady County |
| $206,046 | Schenectady, City of |

| | |
|---|---|
| $81,089 | Schoharie County |
| $46,946 | Schuyler County |
| $51,215 | Seneca County |
| $157,910 | St. Lawrence County |
| $110,965 | Steuben County |
| $1,180,103 | Suffolk County |
| $179,249 | Sullivan County |
| $59,750 | Tioga County |
| $98,160 | Tompkins County |
| $230,463 | Ulster County |
| $68,285 | Warren County |
| $68,285 | Washington County |
| $145,106 | Wayne County |
| $1,367,888 | Westchester County |
| $59,750 | Wyoming County |
| $34,143 | Yates County |
| **$47,511,840** | **סך הכל** |

**שטאטישע געגנטער זיכערהייט אינציאטיוו - 156.1 מיליאן דאלאר**
די פינאנצירונג ווערט געשאנקען פאר יוריסדיקציעס אין דעם ניו יארק סיטי מעטראפאליטען ראיאן אונטער די שטאטישע געגנטער זיכערהייט אינציאטיוו גרענט. דער ראיאן וועט ניצן די געלטער אנצוהאלטן און פארבעסערן זייערע קריטיש-וויכטיג אנטי-טעראריזם פראגראמען. באזירט אויף פעדעראלע פארשריפטן, ווערט 80% פון די געלטער צוגעטיילט צו שותפים אין דעם ראיאן'ס 'שטאטישע געגנטער ארבעט גרופע' (Urban Area Working Group), נוצנדיג א קאנסענסוס-באזירטע פראצעדור, און די קאנסענסוס אפמאך פאר די געלטער ווערט אויסגערעכנט אונטן.

נאך $12,117,502 וועט אויך צוגעטיילט ווערן און איז אריינגערעכנט אין די סומעס אונטן פון די סטעיט'ס טייל פון די שטאטישע געגנטער זיכערהייט אינציאטיוו גרענט פאר פיסקאלע יאר 2024, אנערקענענדיג אז דער שותף פאר די ניו יארק סיטי שטאטישע ראיאן איז אין אן אייגנארטיגע מצב ווען עס קומט צו פאטענציאלע דראאונגען פון טעראריזם-פארבינדענע אקטיוויטעטן. די איבעריגע געלטער ווערט גענוצט דורך די סטעיט צו ווייטער פארשטערקערן ניו יארק'ס קאנטער-טעראריזם און עמערדזשענסי גרייטקייט שטנאנד אין די שטאטישע געגנטער.

די גרענט סומעס זענען אויסגערעכנט אונטן:

| סך הכל גרענט | קערפערשאפט צו באקומען פינאנצירונג |
|---|---|
| $9,313,368 | Port Authority of New York and New Jersey |
| $2,314,373 | Westchester County |
| $2,314,373 | City of Yonkers |
| $2,314,373 | Suffolk County |
| $2,314,373 | Nassau County |
| $118,451,583 | City of New York |
| **$137,022,443** | **סך הכל** |

**Operation Stonegarden גרענט פראגראם - 2.6 מיליאן דאלאר**
די גרענט שטעלט צו קריטישע פינאנצירונג צו פארבעסערן די קאאפעראציע און קאארדינאציע צווישן פעדעראלע, סטעיט, לאקאלע און שבטים געזעץ אינפארסירונג אגענטורן דורך די שטיצע פון געמיינזאמע אפעראציעס וועלכע ווערן דורכגעפירט לענגאויס די צפון גרעניץ.

| קערפערשאפט צו באקומען פינאנצירונג | סך הכל גרענט |
|---|---|
| Cayuga County | $120,000 |
| Chautauqua County | $180,000 |
| Clinton County | $250,000 |
| Erie County | $295,000 |
| Franklin County | $280,000 |
| Jefferson County | $325,000 |
| Monroe County | $180,000 |
| Niagara County | $145,000 |
| Orleans County | $100,000 |
| Oswego County | $195,000 |
| St. Lawrence County | $290,000 |
| St. Regis Mohawk Tribe | $90,000 |
| Wayne County | $100,000 |
| Wyoming County | $51,000 |
| **סך הכל** | **$2,601,000** |

**איבער די דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס**
די ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס שטעלט צו די פירערשאפט, קאארדינאציע און שטיצע פאר באמיאונגען צו פארמיידן, באשיצן פון-, זיך גרייטן פאר-, זיך אפרופן צו- און זיך ערהוילן פון טעראריזם און אנדערע מענטשליך-פאראורזאכטע און נאטורליכע קאטאסטראפעס, דראאונגען, פייערן און אנדערע עמערדזשענסיס. פאר מער אינפארמאציע, באזוכט די DHSES Facebook בלאט, פאַלאָוט @NYSDHSES אויף Twitter אדער Instagram, אדער באזוכט dhses.ny.gov.

###